בס"ד

# תורת אביגדור

משיעורי ליל שישי של הגה"צ רבי אביגדור מיללער זצ"ל

פרשת חיי שרה




## די שלימות'דיגע חכמה: נאָכטון השי"ת מיט חסד

### די העכסט-איבערראשנדע סצענע פון אליעזר און רבקה

**אין** דער היינטיגער פרשה, לערנען מיר צום ערשטן מאל פון אונזער גרויסע מוטער, רבקה, איינע פון די אמהות וואס האבן געבוירן דאס אידישע פאלק. מיט'ן ערשטן בליק אויף איר, וואלטן געדארפט אויפגעטרייסלט ווערן, אבער פארשטייט זיך, אז דאס פאסירט נישט. אויב מיר וואלטן געלייענט די ווערטער אין דער תורה ווי מיר דארפן עס לייענען און געוואלט פארשטיין וואס השי"ת וויל אונז דא לערנען, וואלטן אט-די פסוקים טיף עלעקטריזירט אונזערע נשמות.

אליעזר עבד אברהם קומט אן מיט זיין גרויסע מחנה פון קעמלען און קנעכט. נאך פיל טעג רייזן פון ארץ כנען איבער די לאנגע מדבר-וועגן, דערגרייכט ער ענדליך צו די גרעניצן פון נחור'ס שטאט. אויסגעטריקנט פון דארשט און פארמאטערט פון דער שווערער רייזע, ווענדט ער זיך צום ערשטן מענטש אין שטאט וואס ער טרעפט אן, א יונג מיידל, און בעט, זי זאל אים געבן בלויז א קליין ביסל וואסער צו טרינקען. ער האפט זיך צו דערכאפן דאס הארץ, קומען צו זיך און דאן אנהייבן אפלאדענען זיינע קנעכט און זאכן, אוועקשטעלן די קעמלען, און זיי אלעמען געבן צו טרינקען. "הגמיאיני נא מעט מים מכדך", גיב מיר ביטע אביסל וואסער צו טרינקען פון דיין קרוג - זאגט אליעזר צו דעם יונגן מיידל.

לאמיר באטראכטן רבקה'ס ענטפער צו אליעזר: "ותאמר שתה אדוני", און זי האט געזאגט, "טרינק, מיין הער". דער דאזיגער פסוק איז נישט קיין זאך פאר זיך, נאר עס איז אביישפיל, א "בנין אב" פון רבקה'ס סארט רעדן און איר אויפפירונג. רבקה האט שטענדיג גערעדט דרך-ארצ'דיג און האט שטענדיג געזוכט צו העלפן אנדערע מיט'ן גאנצן הארץ. נישט בלויז האט זי איינגעוויליגט צו געבן דעם פרעמדן צו טרינקען, נאר זי האט אויך געטון אלץ אים צו מאכן זיך שפירן באקוועם, און זי האט אים אנגערופן מיט'ן טיטל "מיין הער". און דאס איז געווען בלויז דער אנהייב פון דער העכסט-איבערראשנדער סצענע וואס האט זיך אפגעשפילט - א סצענע וואס וואלט אונז ערשטוינט אויב מיר וואלטן געווען גרייט אביסל אריינצוטראכטן אין די ווערטער וואס מיר האבן דא געלייענט.

באלד נאכדעם וואס רבקה האט געמאכט איר פארשלאג - "ותמהר ותרד כדה על ידה ותשקהו", האט זי זיך געאיילט און האט אראפגעלאזט איר קרוג אויף דער האנט, און זי האט אים געגעבן צו טרינקען. אין צוגאב צו אירע גוטהארציגע און איידעלע רייד, האט זי זיך געאיילט און אליין

אראפגענומען דעם שווערן קרוג פון איר אקסל, אנשטאט בלויז צו געבן ערלויבעניש פאר'ן פרעמדן עס אראפצונעמען און אליין נעמען צו טרינקען.

## רבקה'ס אויפפירונג וואס האט איר געגעבן דעם טיטל "אמנו"

**און** אט דא איז עס געווען, וואס רבקה האט אנגעהויבן ארויסווייזן איר גרויסקייט. אויב מיר וואלטן געווען דארט בשעת מעשה, וואלטן מיר אפשר נישט געווען אזוי לייטיש, צו קוקן אויף דער דאזיגער אויפפירונג ווי א גרויסקייט. אייגנטליך וואלטן מיר געטראכט אז עס איז צו עקסטרעם. אבער געווען איז עס רבקה'ס התנהגות וואס מיר זעען אין די פאלגנדע פסוקים, וואס האט איר געקרוינט מיט'ן טיטל ווי איינע פון אונזערע הייליגע אמהות. "ותכל להשקותו", און זי האט געענדיגט אים געבן צו טרינקען. עס שטייט נישט, "ער האט געטרונקען", אדער "ער האט געענדיגט טרינקען", נאר "ותכל להשקותו", זי האט געענדיגט אים געבן צו טרינקען. זי האט אים צוגעשטופט אז ער זאל טרינקען, ביז ער האט שוין מער נישט געקענט טרינקען.

און דאס איז נאכנישט געווען גענוג. "ותאמר גם לגמליך אשאב עד אם כלו לשתות", און זי האט געזאגט, אויך פאר דיינע קעמלען וועל איך אנשעפן, ביז זיי וועלן האבן געענדיגט טרינקען. א גוטהארציגער מענטש וואלט איינגעוויליגט אויף א בקשה צו געבן יענעם א טרונק וואסער. נאך אלעמען, האט זיך עס געהאנדלט פון א דארשטיגן רייזנדן, וואס בעט א קליינעם חסד. עס וואלט אבער געווען גאנץ א זעלטענע זאך, אז איינער זאל זיך אנבאטן פון זיך אליין צו געבן צו טרינקען אויך פאר יענעמ'ס קעמל. אליעזר איז נישט געווען קיין אינוואַליד. רבקה האט געזען פאר זיך א שטארק-געבויטן מענטש, און ער האט געהאט מיט זיך א גאנצע מחנה באגלייטער. מענטשן וואס רייטן אויף קעמלען זענען נישט קיין קליינע אינגעלעך; זיי זענען קרעפטיגע פארשוינען, און עס פעלן זיי נישט קיין מוסקלען. זיי רייזן אין דער מסוכנ'דיגער מדבר און זענען געוויס באוואפנט, גרייט אפצושלאגן די מדבר-באנדיטן - שטארקע, געזונטע מענער.

און אט זעט רבקה ווי דער דאזיגער מענטש, דער הויפט פון דער גרופע, נעמט זיך דעם מוט און בעט איר, אים צו געבן צו טרינקען. נו, וועט זי אים אפשר געבן א טרונק. נאך אלעמען, האט זי דאך א גוט הארץ. אבער צו זאגן "איך וועל געבן פאר אייער קעמל צו טרינקען?!" ווייסט איר וויפיל א קעמל דארף טרינקען? א קעמל קען אויסטרינקען א גאנצע וואנע אויף איין מאל! דאס איז נישט קיין גוזמא. אזויפיל דארף א קעמל טרינקען, און דאס איז נאר אויב עס איז נישטא נאך; אויב עס זענען דא נאך וואנעס ארום, הערט ער נישט אויף טרינקען. די "שיפן פון מדבר" (ווי מ'רופט אן א קעמל) האבן אן אינסטינקט זיך אנצולאדענען מיט וויפיל וואסער עס איז נאר מעגליך. געוועגליך דארף מען אים צווינגען אויפצוהערן טרינקען; אז נישט, טרינקט ער ווייטער. א קליינער קעמל טרינקט אזויפיל ווי דרייסיג מענטשן!

אט שטייט רבקה און שלאגט פאר אליעזר'ן צו געבן צו טרינקען פאר אלע זיינע צען קעמלען. עס וואלט געווען א היפשע קונץ, אז דאס יונגע מיידל זאל געבן צו טרינקען אפילו בלויז פאר איין קעמל, וואס דאס וואלט פארלאנגט פון איר צו גיין עטליכע מאל אהין און צוריק צווישן דעם קוואל און דער רינע, אבער פאר אלע צען קעמלען - "עד אם כלו לשתות"?! ווען א קעמל הערט אויף טרינקען פון זיך אליין, קענט איר זיין זיכער אז ער האט געטרונקען גאר אסאך. מיר לייענען דעם פסוק אין א פאר סעקונדעס און גייען ווייטער, און דעריבער כאפן מיר נישט - עס האט זיכער גענומען פאר רבקה גאר אסאך צייט און מי צו געבן פאר די קעמלען צו טרינקען. פאר אונז איז דאס בלויז איין פסוק אין דער גאנצער פרשה, אבער פון רבקה'ס זייט איז דאס

געווען א גרויסער אַקט פון געבן פון זיך פאר אנדערע.

אליעזר האט זיך צוגעקוקט און איז, פארשטייט זיך, געווען דורכאויס ערשטוינט - "והאיש משתאה", און דער מאן איז געווען פארוואונדערט. איך זאג, "פארשטייט זיך", אבער אין אמת'ן אריין איז עס נישט אזוי; מיר אליין זענען דא קיין איין טראפ נישט איבערראשט. און פארוואס זאלן מיר יא זיין? מיר האבן דאס אלעס שוין געלערנט אויף פאראיארן, און מיר ווייסן עס שוין אלעס. איר מוזט אבער פארשטיין, אז אליעזר האט נאכנישט געהאט געלערנט די דאזיגע פרשה, און ער איז געווען ערשטוינט. עס האט אויסגעזען גאר מאדנע. א נארמאל מיידל וואלט געדארפט זאגן, "וואס קומט פאר מיט אייך? איז אלעס אין ארדענונג? איר האט דא א גאנצע מחנה מענטשן מיט זיך, און וואס לויף איך דא אהין און צוריק?" אבער רבקה איז נישט געווען קיין געווענליך מיידל, און טאקע דערפאר האט זי געטון אזעלכע אויסערגעווענליכע מעשים.

## אברהם - דער מאדעל פאר'ן יונגן מיידל פון ארם נהרים

**מיר** דארפן זיך אפשטעלן דא און פרעגן: פון וואו האט רבקה זיך אויסגעלערנט אזא סארט התנהגות? פון וואו איז אויפגעקומען אין איר אט אזא זעלטענער גייסט? אזעלכע אומגעווענליכע מעשים וואס זי האט ארויסגעוויזן זענען נישט בלויז דער פועל-יוצא פון א גוט הארץ; ניין, עס קען נישט זיין. אזא עקסטרעמע, און אפילו "פאנאטישע", איבערגעגעבנקייט צום דינסט פון די וועגגייער האט מען זיך געקענט אפלערנען נאר פון איין-איינציגן מאדעל: דאס איז געווען דער גרויסער ביישפיל פון אברהם, איר עלטער-פעטער פון ארץ כנען. דאס יונגע מיידל איז אויפגעוואקסן אין ארם נהרים, ווייט אוועק פון אברהמ'ס וואוין-פלאץ, אבער זי האט געהאט אן אפן אויער צו הערן וואס עס איז געווען וויכטיג, און זי האט זיך צוגעהערט מיט אינטערעס צו די מעשיות, וואס עס פלעגן דערציילן די וועגגייער וועגן איר פעטער, אברהם.

מיר ווייסן, אז עס איז אנגעגאנגען א קאָמוניקאַציע צווישן דער פאמיליע אין כנען, און זייערע קרובים אין ארם נהרים, און אז זיי זענען געווען באקאנט איינער אין די פרטים פון אנדערנ'ס לעבן (זע כב, כ). די קאַראַוואַנען וואס זענען געפארן אהין און צוריק, האבן געברענגט מיט זיך ידיעות פון אברהמ'ס אויפפירונג, און דער בארימטער נאמען פונעם "נשיא אלקים", ווי די כנענים האבן אים גערופן (כג, ו), איז דערגאנגען ווייט און ברייט. די רייזנדע זענען געווען פול מיט לויב וועגן אברהמ'ס ברייטהארציגן הכנסת אורחים. אברהם האט זיך נישט באפרידיגט בלויז מיט'ן טון חסד. די רייזנדע האבן דערציילט וועגן א גארטן וואס אברהם האט איינגעפלאנצט און אהינגעברענגט זיינע געסט. ער האט זיי דארט קעניגליך באהאנדלט, געזעסן מיט זיי און זיי באדינט. ער האט אפגעריסן פרוכט פון די ביימער און זיי געגעבן צו עסן. אברהם האט שטענדיג ארויסגעזוכט א געלעגנהייט צו קענען טון חסד איבעראל וואו ער האט נאר געקענט. זייענדיג שוין אן עלטערער מענטש, איז ער ארויסגעלאפן אין דער ברענענדיגער היץ אינדרויסן, כדי צו זוכן געסט. ער איז געווען "פארקויפט" פאר חסד, און זיין חסד האט נישט געוואוסט קיין גרעניץ. די מעשיות וואס מען האט זיך דערציילט פון אברהמ'ס הכנסת אורחים זענען געווען אזוי אויסערגעווענליך, אז זיי האבן געהאט א הילכיגן אפקלאנג איבער דער גאנצער באוואוינטער וועלט.

און צו די אלע מעשיות פון אברהם האט רבקה זיך צוגעהערט מיט אויפמערקזאמקייט, און אין הארצן ביי איר האט זיך אנגעצונדן א פייער פון התלהבות צו טון חסד. איר הויך-שטרעבנדע נשמה האט געשלונגען מיט דארשט די דערציילונגען וועגן איר געהויבענעם עלטער-פעטער,

און זי האט צוגעלייגט קאפ צו די אלע פילצאליגע פרטים פון אברהמ׳ס התנהגות. נישט אומזיסט ווערן דערמאנט דא אין די פסוקים, וואס רעדן פון רבקה׳ס חסד, געגוי די זעלבע ווערטער ווי עס שטייט פאריגע וואך וועגן אברהם: ״ותמהר״, ״ותרץ״, און זי האט זיך געאיילט, און זי איז געלאפן.

## די אמת׳ע גרויסקייט פונעם מענטש: טון חסד כדי נאכצוטון השי״ת

**כאטש** רבקה האט געלעבט צווישן געצנדינער און שווינדלערס פון ארם נהרים (בראשית רבה סג, ד), האט זי זיך גוט צוגעהערט צו די לערעס פון אברהם, וואס זענען אנגעקומען צו איר. זי האט אפגעלערנט אברהמ׳ען פיל מער ווי מיר טוען עס, און זי האט געמאכט עפעס פון זיך. חז״ל זאגן (בראשית רבה), אז רבקה איז געווען א ״שושנה בין החוחים״, א רויז צווישן די דערנער. א רויז קען וואקסן נאר אויב עס ווערט באוואסערט און באהאנדלט, און וואס איז געווען דאס וואסער, אין וואס די ״רויז״ רבקה איז אויפגעוואקסן? דאס זענען געווען די לעקציעס פון אברהם אבינו.

דאס אלעס וואס מיר האבן געזאגט ביז יעצט, איז געווען בלויז אן אריינפיר צו דער אמת׳ער עבודה פון חסד, וואס אברהם האט שטענדיג פראַקטיצירט און וואס רבקה האט שטענדיג נאכגעטון. מיר לערנען דא, נישט בלויז אז אונזערע אבות און אמהות האבן געטון חסד, נאר פיל מער: **פארוואס** זיי האבן געטון חסד, און אט דאס איז וואס האט זיי געמאכט גרויס. און דאס לערנען מיר דא אין אונזער היינטיגן שמועס.

דער רמב״ם אין ״מורה נבוכים״ (פרק נד) לערנט אונז א העכסט-וויכטיגע נקודה, וואס איז דער יסוד פון דעם וואס מיר לערנען יעצט דא. דאס איז אזוי וויכטיג, אז דער רמב״ם האט באשטימט דערפאר דעם גאנץ-לעצטן פרק מיט וואס ער שליסט זיין ספר. ירמיהו הנביא זאגט (ירמיהו ט, כב): ״כה אמר ה׳ אל יתהלל חכם בחכמתו״, אזוי זאגט השי״ת, דער קלוגער מענטש זאל זיך נישט לויבן מיט זיין חכמה. מיר האבן אלעמאל פארשטאנען אז די חכמה פונעם קלוגן מענטש, פון וואס השי״ת רעדט דא, איז די ידיעת התורה און די וועגן פון דער וועלט. אבער דער רמב״ם זאגט, אז די חכמה פונעם קלוגן מענטש איז אינעם שלימות פון זיין כאראקטער, וואס קומט צום אויסדרוק אין זיינע באציאונגען מיט אנדערע מענטשן. א מענטש מיט א שלימות׳דיגן כאראקטער פארמאגט אין זיך די שלימות׳דיגע חכמה; ער איז א בעל מדות טובות, א גוטהארציגער מענטש, באליבט און געשעצט ביי אלעמען פאר די גוטע מעשים וואס ער טוט מיט אנדערע. זאגט אבער השי״ת, אז דאס איז נישט די חכמה וואס דער מענטש זאל זיך דערמיט לויבן. שלימות פון כאראקטער איז נישט דער תכלית פונעם רצון ה׳, עס איז נישט דאס אמת׳ע גרויסקייט ביי השי״ת.

וואס דען איז די גרויסקייט וואס השי״ת וויל פונעם מענטש? ״כי אם בזאת יתהלל המתהלל השכל וידוע אותי כי אני ה׳ עושה חסד משפט וצדקה בארץ כי באלה חפצתי״, נאר מיט דעם זאל דער מענטש זיך לויבן, מיט׳ן פארשטיין און וויסן מיך, אז איך בין השי״ת וואס טוט חסד, משפט און צדקה אויף דער ערד, ווייל דאס איז וואס איך באגער. דער רמב״ם ערקלערט דאס ווי פאלגנד: השי״ת זאגט, ״מיין באגער איז, אז דער מענטש זאל מיך נאכטון, און ער זאל טון חסד״. דער מענטש וואס האט די אמת׳ע ידיעת ה׳, טוט חסד מיט זיין משפחה, שכנים און חברים, און אויך פרעמדע - מיט אלע מענטשן - מיט׳ן ציל צו גיין אין די וועגן פון השי״ת. אט דאס איז די אמת׳ע רום, די איינציגע רום, וואס א מענטש קען זיך דערמיט לויבן, אז ער האט דערגרייכט שלימות. שלימות באדייט טון גוטס כדי נאכצוטון די ענדלאזע חסדים וואס השי״ת טוט צום מענטש. און מיט אט-דעם וויכטיגן געדאנק, קענען מיר אנהייבן פארשטיין די טעמע

פון אונזער היינטיגן שמועס.

# אברהמ׳ס מעסעדזש צו דער וועלט: מאכט פרייליך מענטשן!

**אברהם** איז געווען דער העכסט-אָריגינעלער דענקער וואס האט אמאל געלעבט, און ער האט געקענט אט-דעם פרק פון "מורה נבוכים", נאך לאנג פאר דער רמב"ם האט עס געשריבן. און אברהם האט עס נישט געהאלטן בסוד. ווען א מענטש ווייסט אז ער האט געפונען דעם אמת, וויל ער עס נישט האלטן פאר זיך, ער וויל עס לאזן וויסן אויך פאר אנדערע. איר דארפט פארשטיין, אז אברהם איז געווען א גרויסער לערער; ער האט געהאט צענדליגער טויזנטער תלמידים (רמב"ם הל׳ עבודה זרה א, ג), און ער האט פארברענגט זיינע טעג אין ארץ כנען צו פארשפרייטן דעם דבר השם. ער האט אויסגענוצט אלע געלעגנהייטן וואס ער האט געהאט, כדי צו לערנען פאר אנדערע מענטשן וועגן השי"ת און זיין חסד.

וואס האט אברהם זיי אויסגעלערנט? די וויכטיגע לעקציע פונעם "מורה נבוכים" וואס מיר האבן פריער געלערנט. אברהם האט דערציילט פאר די מענטשן, אז השי"ת גיט אונז רעגן און ער באזארגט אונז מיט שפייז, "הזן את העולם כולו", ער שפייזט די גאנצע וועלט. השי"ת איז דער וואס גיט זיין ברייטהארציגע הכנסת אורחים צו די "וועגגייער" - דאס זענען מיר, די מענטשן וואס קומען אראפ אויף דער וועלט בלויז אויף א קורצער צייט, און אויך מיר דארפן אזוי טון, געבן אונזער ברייטהארציגע הכנסת אורחים צו יעדן איינעם, כדי נאכצוטון די וועגן פון השי"ת. אברהם האט זיי ערקלערט: "השי"ת גיט אונז אלעס גוטס אויף דער וועלט, און עס איז אונזער פליכט אים נאכצוטון, און מיר דארפן אלעמאל געדענקען אז מיר טוען נאך השי"ת. מיר גיבן איבער מיט די אייגענע הענט אלעס גוטס פון השי"ת פאר אנדערע מענטשן, כדי זיי צו מאכן פרייליך. מאכט מענטשן בשמחה!" האט אברהם געזאגט. "השי"ת מאכט די גאנצע וועלט פרייליך, מוזן מיר אויך טון דאס בעסטע וואס מיר קענען צו מאכן די וועלט פרייליך."

ווען רבקה האט געהערט וועגן אברהמ׳ס אויפפירונג און זיין לערע, איז דאס איר שטארק געפעלן. זי האט פארשטאנען דעם וויכטיגן געדאנק, אז אברהם האט געזוכט די וועגגייער צו טון מיט זיי חסד, נישט בלויז ווייל זיי זענען געווען אנגעוויזן אויף זיין חסד, נאר ווייל ער איז געווען אנגעוויזן אויף זיי, כדי צו קענען נאכטון די וועגן פון השי"ת. און אין זעלבן טאג וואס אליעזר איז אנגעקומען ביים ברונעם אין ארם נהרים, האט רבקה געזאגט א תפלה צו השי"ת: "איך בעט דיר, הייליגער באשעפער! כ׳וויל נישט, אז דער היינטיגער טאג זאל פארפאלן גיין. גיב מיר די געלעגנהייט צו טון עפעס היינט, כדי איך זאל האבן די מעגליכקייט צו גיין אין די פוסטריט פון מיין גרויסן עלטער-פעטער, אברהם, און נאכטון זיינע גרויסע מעשים. און גייענדיג אין זיינע פוסטריט, וועל איך אזוי ארום גיין אין די וועגן פון דיר, השי"ת."

רבקה האט זיך געווענדן צו אירע עלטערן און זיי געפרעגט, "אפשר קען איך גיין שעפן עפעס וואסער היינט אינדערפרי פאר אייך, פאר דער משפחה?" האבן אירע עלטערן געזאגט, "ס׳איז גוט, מיר האבן גענוג וואסער אויף היינט." האט זי גענומען איר קרוג און איז ארויסגעגאנגען צום ברונעם, זוכנדיג אנדערע געלעגנהייטן נאכצוטון השי"ת. און אין דעם זכות, האט השי"ת איר געשאנקען די גרויסע געלעגנהייט פון אליעזר עבד אברהם. אזוי ארום איז זי געווארן די מוטער פון הייליגן אידישן פאלק, וואס ניצט אויס זיינע טעג צו גיין אין די וועגן פון השי"ת.

לייענט די גליון יעדע וואך
אין קונטרס גליונות לש"ק




gilyonosshabbos@gmail.com

# הדפסה והפצה

**מעלדונג**

**צו מנדב זיין הפצת הגליון א וואך**

**לע"נ, לרגל השמחה, לזכות וכדו'**

**אדער פשוט ווייל איר האט הנאה אז עס ווערט פארשפרייט**

**און איר ווילט עס זאל אנהאלטען**

**רופט 718-757-1681**






# וועגן די ליבעראלן האבן געוואלט "אימפיטשען" פרעזידענט ניקסאן איז דער פרעזידענט טאקע געווען שולדיג?

## שאלה:

**נאכדעם וואס עס האט זיך ארויסגעשטעלט אז פרעזידענט ניקסאן האט געשווינדלט בנוגע איינקונפט-שטייערן, האט איר אן אנדערע מיינונג וועגן דעם פרעזידענט?**

## תשובה:

**אויב** איינער איז אפילו בלויז א קליין ביסל באקאנט מיט די געזעצן פון איינקונפט-שטייערן, ווייסט ער אז מען קען אויסטייטשן די געזעצן אויף אזויפיל פארשידענע אופנים, אז א שלעכטער ריכטער קען טעכניש באשולדיגן כמעט יעדן איינעם אין פארלעצונגען פון געזעץ. און דאס איז אויסערן' פאקט, אז אזא ריכטער קען אייגנטליך באשולדיגן רוב מענטשן אין שווינדל-פארברעכנס. עס איז גוט באוואוסט, אז אויב מען זאל נעמען אויף אן אויספארשונג קעגן וועמען עס זאל נאר זיין, וואלטן די מערסטע מענטשן זיך געפונען הינטער גראטעס.

**וואס** איז די אויפגאבע פון אן אַקאַונטענט? ער איז דא, נישט צו געבן פאר דער רעגירונג וואס עס קומט איר, נאר צו זען וויפיל ער קען צוריקהאלטן, נישט צו דארפן געבן פאר דער רעגירונג. אבער אפילו אויב אן אקאונטענט זאל זיין לגמרי אויסגעהאלטן און גארנישט צוריקהאלטן אין זיינע פינאנציעלע באריכטן, זענען נאך אלץ דא אזויפיל וועגן אויסצוטייטשן די געזעצן, און פיל אזעלכע פעלער פון איינקונפט-שטייערן קומען אן צום העכסטן געריכט, וואס ווייזט אז די געזעצן זענען אומקלאר און קענען אויסגעטייטשט ווערן אויף פארשידענע אופנים. איין געריכט אורטיילט אזוי, און דערנאך ווערט עס אפגעווארפן, און דאן אַפּעלירט מען עס, און ווידער ווערט עס אפגעווארפן.

**פרעזידענט** ניקסאן האט נישט געשווינדלט מיט זיינע איינקונפט-שטייערן. איר מעגט זיין זיכער, אז ער האט געהאט טייל די בעסטע אקאונטענס אין לאנד, און זיי האבן אויסגעטייטשט דאס געזעץ אויף איין וועג. אבער ווי-נאר די קריגערישע ליבעראלן מיט די אדלער-אויגן האבן זיך גענומען צו אים, איז אלעס וואס ער האט געטון אויסגעטייטשט געווארן צו זיין שולד, און מען האט אים געצוואונגען צו באצאלן. ער וואלט דאס בלי-ספק געקענט באקעמפן אין געריכט, אבער ער האט עס נישט געוואלט טון, ווייל עס איז אים נישט ווערד געווען, און דערפאר האט ער באצאלט.

**בנוגע** דעם ענין מיט די טעיפס, דארפן מיר פארשטיין, אז אמעריקע איז דא אייגנטליך ארויס פון די גלייזן. צו נעמען טעיפס מיט פריוואטע שמועסן פון א פרעזידענט און עס אויספויקן אויף דער ראדיא פאר יעדן איינעם צו הערן - מיינט אז אמעריקע איז געפאלן צו א פרישן נידעריגן שטאפל. אזא בזיון איז דא קיינמאל פריער נישט צושטאנד געקומען.

מיר דארפן דעריבער זען צו האלטן דעם קאפ איבער'ן וואסער און זיך נישט לאזן דערטרונקען ווערן אין דעם טומל. עס איז א מבול פון רשעות, וואס פארפלייצט דאס לאנד; א משוגעת. ס'איז נישט קיין שכל'דיגע זאך. בלויז ווייל די דעמקראטן קענען נישט זיגן אין די שטים-בודקעס, פרובירן זיי אפראטעווען זייערע פארלוסטן אין קאנגרעס, דורכ'ן פאר'משפט'ן דעם פרעזידענט.

**אין** דער דאזיגער פרשה, דארפט איר וויסן, אז דער המון-עם איז געפאלן א קרבן צו דער מידיא. איך האב אייך שוין געזאגט עטליכע מאל, אז איר זענט אלע קרבנות פון דער ראדיא און די צייטונגען. אויב מיר זאלן האבן די פעאיגקייט צו קוקן אויף די געשעענישן מיט אומאפהענגיגע בליקן, וואלט איר געזען אז פרעזידענט ניקסאן איז אייגנטליך איינער פון אמעריקע'ס גרויסע פרעזידענטן. ער איז א קרבן פון רדיפה. איך האלט, אז יעדער איד דארף זיך לאזן הערן. יעדער איד דארף נעמען זיינע שטעלונגען, נישט פון די שעדליכע מענטשן וואס טרעטן-אויף אויף דער ראדיא און טעלעוויזיע, נאר פון די גדולי ישראל. מען דארף מתפלל זיין בשלומה של מלכות, בעטן פאר'ן וואוילזיין פונעם פרעזידענט און זיין רעגירונג. מיר אלע דארפן שרייבן א קליינע מודעה אדרעסירט צו פרעזידענט ניקסאן אין ווייסן הויז אין וואשינגטאן: "פרעזידענט ניקסאן, מיר זענען מיט דיר." שרייבט ארויף די דאטע, אז ער זאל נישט מיינען אז איר האט עס געשריבן א וואך צוריק. ניין, איר שרייבט עס אים היינט, נאכדעם וואס די נייעס איז ארויסגעקומען. "פרעזידענט ניקסאן, מיר זענען מיט דיר." און אויב איר קענט אויך שרייבן עפעס בריוולעך צו זיינע קעגנער, זיי צו זאגן וואס זיי האבן צו טון, דעמאלט טוט אזוי. און אויב איר ווילט זיי זאגן וואו אהין צו גיין, קענט איר דאס אויך טון.

**שאלות און תשובות**

**מיט**

**ר' אביגדור מיללער זצ"ל**


כל הזכיות שמורות
בקשה שלא לעיין בשעת התפלה